LES CAHIERS YIDDISH
Revue culturelle publiée avec le concours du Centre National du Livre

# ״יידיש העפטן״

63




Juillet/ août 2008
n° 127/128

# ייִדיש

## אין אַרגענטינע

### INTERVIEW AVEC MOSHE KIJAK

### אינטערוויו פון ד"ר משה קיִהאַק

### אויפגענומען פון פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן

**מאַקס קאָהן :**

**ווער זענט איר? וואָס איז אייערע משפּחה? ווי אַזוי זענט איר אין אַרגענטינע? ווי אַזוי איז ייִדיש אייער מאַמע-לשון?**

**משה קיִהאַק :**

ווען מען פרעגט מיך ווער איך בין, ענטפער איך געוויינלעך אַז איך בין אַ פּראָסט פּשוטער ייִד. שוין נישט קיין יונגערמאַן. איך בין 73 יאָר אַלט און אַ געבוירענער אין בוענאָס-איירעס. מיינע עלטערן זענען געקומען אין 1930 קיין אַרגענטינע און ביידע שטאַמען פון אַ קליין שטעטעלע וואָס איז שווער צו געפינען אין די קאַרטעס. סטאָק, פלעגט מען עס רופן אויף ייִדיש און עס איז נישט זייער ווייט פון ווענגראָווע, אַ שטעטל וואָס איז געווען באַקאַנט אין דער ייִדישער וועלט ווי אַ שטעטל פון סופרים. מיין זיידע רב משה ז"ל איז געווען אַ סופר און נאָך אים הייס איך. מיין מאַמע, ווי אַ יונג מיידל, איז געקומען מיט איר גאַנצער משפּחה און זיך באַזעצט אין דער שטאָט קאָרדאָבאַ, 700 קילאָמעטער פון בוענאָס-איירעס. מיין טאַטע איז געווען אַ יאָר אין ריאָ דע זשאַנעיִראָ, איידער ער האָט באַשלאָסן צו קומען קיין אַרגענטינע.

מיין טאַטע-מאַמע זענען באַקאַנט געווען צווישן זיך, נישט בלויז ווייל אין אַזאַ קליין שטעטעלע זענען אַלע געווען כּמעט ווי אַ גרויסע משפּחה, נאָר ווייל זיי זענען געווען חברים פון דער באָראָכאָוו-יוגנט. זייער גאַנץ לעבן זענען זיי געווען אַקטיווע לינקע פּועלי-ציוניסטן און אין אָט דעם ייִדישן פּראָלעטאַרישן גייסט האָט מען מיך דערצויגן. שפּאַניש האָב איך זיך אויסגעלערנט אין דער אָנפאַנג-שול, אָבער ביי זיך אין דער היים און אין דער שלום-עליכם שול (אַ לינקע פּועלי-ציוניסטישע שול) ווו איך האָב דערגאַנצט מיין ייִדיש וועלטלעכע דערציִונג האָב איך גערעדט אויף מאַמע-לשון.



"יונגבאָר" (יונגע באָראָכאָוויסטן) פונעם יאָר 1947. משה קיִאַק געפינט זיך אין דער לעצער ריי; דער 4טער פון רעכטס צו לינקס.

פֿיל יאָרן בין איך געווען אַ חבר פֿון דער באַראָכאָוו-יוגנט און געהאָלפֿן עולה צו זײַן. נו, ווו שטייט עס געשריבן אַז אַלע טרוימען מוזן פֿאַרפֿולקאָמט ווערן?

אין יאָר 1954 האָב איך אָנגעהויבן לערנען מעדיצין און אין זעקס יאָר שפּעטער בין איך געוואָרן אַ דאָקטער. אַ חשבון פֿון אַ זעקס יאָר האָב איך זיך אָפּגעגעבן מיט אַלגעמיינער מעדיצין און שפּעטער האָב איך זיך ספּעציאַליזירט קודם-כּל ווי אַ פּסיכיאַטער אין דעם בוענאָס-אײַרעסער אוניווערסיטעט, און שפּעטער ווי אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער אין דער אַרגענטינער פּסיכאָאַנאַליטישע געזעלשאַפֿט .

**איר זענט אַ פּסיכאָאַנאַליסט און אַ ייִדישיסט. ווי אַזוי זעט איר די פֿאַרבינדונג צווישן ייִדישקייט און פּסיכאָאַנאַליז? צי איז נישט עפּעס דאָ קליניש אין די ייִדישע שפּראַך אַליין?**

וועגן דעם פֿאַרבינדונג צווישן ייִדישקייט און פּסיכאָאַנאַליז, קען איך אײַך בלויז איבערגעבן מײַן מיינונג, געבויט אויף מײַן דערפֿאַרונג. אַנדערע פּסיכאָאַנאַליסטן וועלן אײַך ענטפֿערן אַנדערש. נישט איין מאָל אַליין האָב איך געהערט די מיינונג פֿון באַרימטע פּסיכאָ-אַנאַליטיקער, אַז עמיצער וואָס האַלט אַן אַ פֿאַרבינדונג מיט וואָס עס זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט ייִדישקייט איז דאָס אַ פּאַטאָלאָגישער סימן פֿון נעוראָטישע, ענדאָגאַמישע טענ-דענצן. מײַן ענטפֿער איז, אַז איך בין אַ ייִד אַ פּסיכאָאַנאַליטיקער און איך וואָלט נישט געקענט און נישט געוואָלט אָפּטיילן איינס פֿונעם אַנדערן.

וועגן דעם פּלאַץ פֿון די שפּראַכן אין אַ סעסיע וועל איך אײַך ענטפֿערן בקיצור. די שפּראַך פֿון דער פֿאַרוויסיקייט איז דער מוטער-שפּראַך. אין אַ סעסיע קען מען רעדן אויף אַנדערע אויסגעלערנטע לשונות, אָבער דער פֿאָרוויסיקייט (préconsciente) בלײַבט מיט דער ערשטער שפּראַך. דאָס זע איך בײַ די דער-וואַקסענע וועמענס ערשטע שפּראַך איז געווען ייִדיש. פֿיל מאָל האָב איך באַמערקט אַז ווען מען מאַכט אַן אינטערפּרעטאַציע אויף ייִדיש איז דער עמאָציאָנעלער אָפּקלאַנג בײַם פּאַציענט אַנדערש ווי ווען מען באַנוצט זיך בלויז מיט דער גערעדטער שפּראַך (שפּאַניש). און בײַ אַזעלכע פּאַציענטן קומט מיך אָפֿט מאָל, אַז ווען איך זעץ פֿאַר זיך אַליין איבער זײַנע ווערטער אויף ייִדיש, פֿאַרשטיי איך בעסער וואָס זײַן אומוויסיקייט וויל און קען נישט ברענגען צו דער אויבערפֿלאַך פֿון זײַן פּסיכיקם.

צו אײַער פֿראַגע : צי איז נישט עפּעס דאָ קליניש אין דער ייִדישער שפּראַך אַליין? קען איך אײַך ענטפֿערן אַז מסתּמא יאָ, אָבער דאָס איז אַן ענין פֿאַר פּסיכאָלינגוויסטן. איך וואָלט עס געפֿרעגט דעם באַקאַנטן פֿאַרשער שיקל פֿישמאַן. (רעד. זײַן אינטערוויו איז דערשינען אין דעם נומער נר. 126/יוני 2008).

**איר האָט געשריבן אַן אַרטיקל וועגן די פֿאַרבינדונג פֿון זיגמונד פֿרויד צו יוחנן בן זקאי** (Revista de Psicoanalisis, 1998, n°2). **וואָס האָט איר געוואָלט ווײַזן און וואָס פֿאַר אַ טעות האָט פֿרויד געמאַכט וועגן די געשיכטע פֿון יוחנן בן זקאי? פֿאַרוואָס האָט ער לויט אײַערע מיינונג געמאַכט דעם טעות?**

אין יאָר 1938 האָט פֿרויד אין דרײַ פֿאַרשידענע געלעגנהייטן דערמאָנט דאָס וואָס דער טענה (תנאים זענען די רבנים וואָס האָבן געשריבן די משנה) רבי יוחנון בן זקאי האָט אויסגעבעטן בײַ דער רוימישער מאכט, פֿאַרן חורבן פֿון ירושלים, ווען מען האָט געמיינט אַז אָן דעם בית-המיקדש וועט אונטערגיין דאָס פֿאָלק. אַזוי איז אויפֿגעקומען יבנה און אַ דאַנק דעם זענען מיר פֿאַרבליבן דאָס וואָס מיר זענען : אַ פֿאָלק טראָץ מען האָט פֿאַרלוירן די מדינה. פֿרויד האָט עס דערמאָנט אין שײַכות מיטן אַנטשלוס, ווען מען האָט געמיינט אַז אָן ווין ווי די היים פֿון פּסיכאָאַנאַליז וועט דער פּסיכאָאַנאַליז פֿאַרלוירן ווערן. פֿרויד איז זיך טעוה געווען : בן זקאי האָט געבעטן די דערלויבעניש פֿאַרן חורבן. אפֿשר (עס איז בלויז אַן השערה) איז ער זיכער געווען אינעם פֿולשטענדיקן נצחון פֿון די נאַציס.

### ☜ ווי אַזוי זעט איר די סיטואַציע פון די פסיכאָאַנאַליז היינט און וואָס איז די צוקונפט?

קיין נבֿי בין איך נישט. וואָס איך זע יאָ איז אַז ווען דער פסיכאָאַנאַליז אַרבעט מיט אַנדערע צווייגן פון דער וויסנשאַפט, ווערן אַלע באַרייכערט. מיט יאָרן צוריק איז געווען פאַר אַ פּיכאָאַנאַליטיקער פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט מעדיקאַמענטן און פאַר אַ פסיכיאַטער צו רעקאָמענדירן זיינע פּאַציענטן אויף פסיכאָאַנאַליז. היינט איז די לאַגע אַנדערש, ברוך השם.

### ☜ וואָס האָט איר אויפגעטאָן אין "ייִוואָ" אין אַרגענטינע?

פיל יאָרן האָב איך מיטגעאַרבעט מיטן "ייִוואָ", ווי אַ קאָנפערענטיסט, ווי אַ פאַרוואַלטונגס-מיטגליד און געשריבן פיל אַרטיקלען אויף ייִדיש וואָס דער "ייִוואָ" האָט געדרוקט. אין יאָר 1971 איז דערשינען מיין בוך "פרויד און דער פסיכאָאַנאַליז" ("ייִוואָ" פאַרלאַג, בוענאָס-איירעס, 1971) וואָס איז פאַרשפרייט געוואָרן אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט און איז אינגאַנצן אויספאַרקויפט געוואָרן. איצט ווערט זיין דער רעדאַקטאָר פון אַן "ייִוואָ"-אויסגאַבע אויף ייִדיש און שפּאַניש : "די אַרגענטינער ייִוואָ שריפטן".

### ☜ וואָס איז דער מצב פון ייִדיש היינט אין אַרגענטינע און אין דער וועלט פאַר אייך?

אין די שולן לערנט מען כּמעט נישט קיין ייִדיש. דאָס האָט מען צו פאַרדאַנקען דעם אינפּפּוס פון די ישׂראל-שלוכים. אַ דאַנק זיי לערנט מען אין די שולן ענגליש און קאָמפּוטעריי. ביי די חסידים איז דער מצב אַן אַנדערער. ביי די סתמרער, למשל, איז ייִדיש נישט בלויז די לערן-שפּראַך נאָר אויך די טאָג-טעגלעכע שפּראַך. פיל ספרדים זענען אַריבער פון אַראַביש צו ייִדיש.

### ☜ ווי אַזוי זעט איר די צוקונפט פון ייִדיש?

ביי די חסידים איז די צוקונפט פון דער שפּראַך געזיכערט. אין ניו-יאָרק אַליין דערשיינען 5 וואָכן-צייטונגען אינגאַנצן אויף ייִדיש מיט אַ מעכטיקן טיראַזש און יעדע צייטונג האָט אַרום 200 זייטן. היינט צו-טאָג זענען דאָ אין דער וועלט (איבערהויפּט אין אַמעריקע, ישׂראל און אייראָפּע) די זעלבע צאָל ייִדיש-רעדנדיקע קינדער ווי בעת דער סוף פון דער צווייטער וועלט-מלחמה. אין דער וועלטלעכער וועלט איז די לאַגע אַנדערש. אָבער מען טאָר נישט זיין געפאַלן. פיל איז געווענדעט אין אונדז אַליין. לאָמיר וואָס מער רעדן, לייענען און שרייבן אויף ייִדיש, און גלייכצייטיק וועלן מיר הנאה האָבן פון דעם.

---

**מעלדונג פאַר אונדזערע לייענער,**

אונדזער פריינד און מיטאַרבעטער,
פּראָפעסאָר מאַקס קאָהן, פירט אָן מיט אַ
ראַדיאָ-אוידיציע וואָס איז טעטיק אין אַ
ראַדיאָ-סטאַנציע אין מעלבורן/אויסטראַליע.
ס'קומט פאָר אין אַ פּאַריזער קאַפע וואָס
הייסט "L'ESPOIR" - "האָפענונג"
(זאָל עס אויך זיין פאַר ייִדיש)

**Max KOHN anime**
**une émission régulière en yiddish**
**sur "L'Espoir - Café à Paris"**

**sur SBS Radio - Yiddish, Melbourne, Australie**

sur le site suivant:

http://www.radio.sbs.com.au/language.php?news=highlights&language=Yiddish